בס"ד

קרח תשפ"ו

גליון 286

# דעם רבינ'ס ליכט



## דער ריינער קוואל

אײַערע קינדער זאָלט איר מודיע זײַן וואָס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיהר"ן ר"ט)

# איך האָב נישט קיין הערנער!

עס איז אַמאָל געווען אַ איד, אַ גרויסער לַמְדָן, ער האָט געקענט זייער אַסאַך לערנען, סיי תּוֹרָה שֶׁבַּנִּגְלֶה און סיי תּוֹרָה שֶׁבְּנִסְתָּר, דערצו איז ער געווען אַ גרויסער בַּעַל יַחְסָן - אַ שיינע יִחוּס האָט ער געהאַט, אַזוי אויך איז ער געבענטשט געוואָרן מיט רייכקייט, אַ געוואַלדיגער עוֹשֶׁר איז ער געווען, ער האָט פאַרמאָגט גאָלד און זילבער און נאָך ריזיגע פאַרמעגנס, עס האָט אים גאָרנישט געפעלט.

אין איין גרינעם טאָג, איז די גאַנצע מִשְׁפָּחָה מיט זייערע פאַרמעגנס פאַרשוואונדן און אויסגעמעקט געוואָרן אינגאַנצן. איך גלייב אַז אַלע קינדער כאַפּן גלייך פון וועמען מיר רעדן, פון קֹרַח אין די וואָכעדיגע פַּרְשָׁה. חֲזַ"ל זענען מְגַלֶּה אַז ער איז געווען פון די נוֹשְׂאֵי הָאָרוֹן. ווי באַוואוסט איז שֵׁבֶט לֵוִי געווען די וועלכע האָבן געטראָגן די מִשְׁכָּן מיט אַלע כֵּלִים, די קְרָסִים, די קְרָשִׁים און אֲדָנִים, שפּעטער האָבן אַ חֵלֶק געטראָגן די כֵּלִים, די מְנוֹרָה, מִזְבְּחוֹת.

קֹרַח איז געווען פון די וואָס האָבן געטראָגן דעם אָרוֹן! וואָס דאָרט איז געלעגן די צְוֵויי לוּחוֹת, פון די הייליגסטע וואָס כְּלַל יִשְׂרָאֵל פאַרמאָגט.

אַ יִחוּס האָט ער געהאַט זייער אַ שיינע. אַן אייניקל פון לֵוִי, דער קָרוֹב פון מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, און דערצו אַזאַ עוֹשֶׁר, וואָס חֲזַ"ל זאָגן אַז דריי הונדערט פְּרֵדוֹת - שטאַרקע פערד, האָבן געדאַרפט טראָגן די שליסלען פון זיינע אוֹצְרוֹת!!

וואָס איז געשען פלוצלינג אַזאַ מַעֲשֶׂה, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין שְׁאוֹל תַּחְתִּית מיטן גאַנצן פאַרמעגן?! לאָמיר זען וואָס רש"י זאָגט: "ער האָט מְקַנֵּא געווען", ער האָט געהאַט קִנְאָה אין זיין קָרוֹב אֶלְצָפָן וואָס איז געוואָרן נָשִׂיא און דעריבער האָט ער נעבעך אַלעס פאַרלוירן.

חֲזַ"ל דערציילן אונז (סַנְהֶדְרִין קו.) אַז דער גָּמָל האָט נישט קיין הערנער, אַ זאַך וואָס אַלע חַיּוֹת און בְּהֵמוֹת האָבן יאָ. דאָס איז געשען נאָכדעם ווען אַלע חיות זענען באַשאַפן געוואָרן איז דער קעמל געקומען צום אויבערשטן, און גע'טַעֲנָה'ט: "איך האָב נישט קיין הערנער! אַלע חיות האָבן, איך וויל אויך!". האָט דער באַשעפער געזאָגט "מען דאַרף, איר אָפּשניידן די אויערן אויך!", אַזוי איז דער קעמל געבליבן אָן קיין הערנער און אָן קיין אויער.



דאָס זעלבע איז געשען מיט קֹרַח, ער וואָלט געקענט זיין אַ גרויסער עוֹשֶׁר, אַ לַמְדָן א.א.וו. אָבער ליידער איז גאָרנישט געבליבן פון אים. אַלעס איז געקומען פון קִנְאָה, אַזוי ווי חֲזַ"ל זאָגן, הַקִּנְאָה, וְהַתַּאֲוָה, וְהַכָּבוֹד מוֹצִיאִין אֶת הָאָדָם מִן הָעוֹלָם.

מיר וועלן ברענגען אַ שטיקל פון ר' נָתָן אויף די פַּרְשָׁה. ווי באַוואוסט אַז די גאַנצע עֲבוֹדָה וואָס מיר טוען אויף דער וועלט איז אויפצוהייבן אַלעס צום

בַּאשֶׁעפֶער, אַלֶע גַשְׁמִיוּת׳דִיגֶע זַאכְן מַעְלֶה זַיין, דֶער גוּף פַארְלַאנְגְט עֶסְן, שְׁלָאפְן. מ׳דַארְף אָבֶער ווִיסְן אִיז אִין דִי אַלֶע זַאכְן אִיז פַארהַאן אַן עֲבוֹדָה וָואס מֶען דַארְף אַרוֹיפְבְּרֶענְגֶען צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

וֶוען אַ אִיד מַאכְט אַ בְּרָכָה, עֶר עֶסְט מִיט דֶער אֶרֶץ, אוּן וָואס עֶר טוּט, טוּט עֶר דָאס ווִי דֶער רָצוֹן פוּן בַּאשֶׁעפֶער אִיז, וֶוערְט דֶער זַאךְ דֶערְהוֹיבְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. פוּן ׳אֶרֶץ׳ וֶוערְט ׳שָׁמַיִם׳, דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי עֲבוֹדָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ״מִי עָלָה שָׁמַיִם וַיֵּרַד״, אַלֶעס הָאט מֹשֶׁה גֶעקֶענְט מַעְלֶה זַיין צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

אָבֶער קֹרַח וֶוען עֶר הָאט גֶעקְרִיגְט מִיט מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן, ״וַיִּשְׁלַח מֹשֶׁה לִקְרֹא לְדָתָן וְלַאֲבִירָם בְּנֵי אֱלִיאָב וַיֹּאמְרוּ לֹא נַעֲלֶה״, זָאגְט רַשִׁ״י, ״זַיין מוֹיל הָאט אִים גֶעשְׁטְרוֹיכְלְט, עֶר ווִיל נִישְׁט אַרוֹיפְגֵיין [לֹא נַעֲלֶה] וֶועט עֶר אַרָאפְּגֵיין אִין דֶער עֶרְד!״.

זָאגְט ר׳ נָתָן ״קֹרַח מִיט זַיין גֶעמֵיינְדֶע הָאבְן נִישְׁט גֶעוָואלְט גְלֵייבְּן אַז מֶען קֶען מַעְלֶה זַיין זַאכְן פוּן דֶער וֶועלְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען נִישְׁט דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער פוּן אַזַא גַשְׁמִיוּת. הָאבְן זֵיי בַּאקוּמֶען אַן עֹנֶשׁ מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה, אַז זֵיי זֶענֶען אַרַיין אִין דֶער עֶרְד! זֵיי זֶענֶען אִינְגַאנְצְן אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶען גֶעוָוארְן, דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ תּוֹצָאָה פוּן זֵייעֶר טַעֲנָה, אַז אִין דֶער וֶועלְט אִיז אַלֶעס פַארְגֶערְגֶעבְט, דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט אִין דִי אַרְצִיּוּת, זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן צוּגֶעדֶעקְט טִיף אִין דֶער עֶרְד – אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית.

זֵייעֶר תִּיקוּן וֶועט זַיין דוּרְךְ שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא וָואס וֶועט זֵיי מְתַקֵּן זַיין, עֶס אִיז דָא פָּסוּק אִין שְׁמוּאֵל, ה׳ מֵמִית וּמְחַיֶּה מוֹרִיד שְׁאוֹל וַיָּעַל (שמואל א׳ ב, ו) דָאס אִיז אַ שִׁירָה וָואס חַנָּה הָאט גֶעזָאגְט וֶוען שְׁמוּאֵל אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, [ווִי בַּאוואוּסְט אִיז שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא אַן אֵיינִיקְל פוּן קֹרַח].

זָאל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז אִין דֶעם זְכוּת וָואס מִיר גְלֵייבְּן אִין מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, דֶער צַדִּיק שֶׁבְּכָל דּוֹר וָדוֹר, מִיר גְלֵייבְּן אִין זַיין כֹּחַ, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ פָאלְגְן זַיינֶע עֵצוֹת אוּן קֶענֶען גֵיין מִדַּרְגָּה לְדַרְגָּה, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט פוּן הֵיילִיגְן אֲרִיזַ״ל אַז צַדִּיק כַּתָּמָר יִפְרָח אִיז סוֹפֵי תֵּבוֹת ׳קֹרַח׳, אַלֶע אִידְן וֶועלְן פַארְרַאכְטְן וֶוערְן אוּן בַּאקוּמֶען אַ תִּיקוּן. וְיֵדַע כָּל פָּעוּל כִּי אַתָּה פְּעַלְתּוֹ, וֶוען מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין וֵויינִיגֶער פוּן הוּנְדֶערְט טֶעג פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז שׁוֹין הֶעכְסְט צַייט מִיר אַלֶע זָאלְן בֶּעטְן תְּפִלּוֹת אוּן הִתְבּוֹדְדוּת פוּן בַּאשֶׁעפֶער זוֹכֶה זַיין צוּ מַמְתִּיק זַיין דִי דִינִים אוּן בְּשִׂמְחָה וּבִרְנָנָה זָאלְן מִיר אַלֶע קֶענֶען פָארְן קַיין אוּמַאן, אוּן זוֹכֶה זַיין צוּם תִּיקוּן הַשָּׁלֵם, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

# איין מעשה'לע



*אִין קוּרְצְן פוּן פָארִיגֶע וָואךְ*

*(פַארְן מַמְשִׁיךְ זַיין ווִילְן מִיר קְלָאר שְׁטֶעלְן אַז דִי מַעֲשֶׂה פוּן נָתִי וָואס מִיר הָאבְן גֶעשְׁרִיבְּן פָארִיגֶע וָואךְ אִיז אֱמֶת מִיט אַלֶע פְּרָטִים)*

*נָתִי גֵייט פָארְן צוּם רֶבִּי׳ן, זַיין פִיס צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ אִין חָצֵר פוּן חֵדֶר עֶטְלִיכֶע שָׁעָה בֶּעפָאר זַיין פְלִיגֶער דַארְף זִיךְ הֵייבְּן קַיין מָאלְדָאוֶוע. דִי עֶלְטֶערְן טְרָאגְן אִים צוּם דָאקְטֶער, מ׳לֵייגְט אִים גִיפְּס אוֹיף דִי פִיס. שְׁטֵייעֶנְדִיג גְרֵייט צוּ אַרוֹיפְלֵייגְן דִי רֶענְצְלֶעך, וֶוען זַיין טַאטֶע בֶּעט מ׳זָאל אִים לָאזְן גֵיין צוּם עֶרְשְׁט ווַייל עֶר הָאט גִיפְּס הָאבְן דִי פַארְוואלְטֶער פוּן עֶרְפָּארְט אִים בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט אַרוֹיפְגֶעלָאזְט אוֹיפְן פְלִיגֶער ווַייל דִי פְרִישֶׁע גִיפְּס קֶען פְּלַאצְן.*

*זֵיי פְּרוּבִּירְן רוּפְן אִין שְׁפִּיטָאל בֶּעטְן אַן עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ צוּ פָארְן מִיט דִי גִיפְּס, אָבֶער אִין שְׁפִּיטָאל קֶען מֶען נִישְׁט עֶפֶענֶען זַיינֶע דָאקוּמֶענְטְן. עֶטְלִיכֶע מִינוּט שְׁפֶּעטֶער אִיז גֶעקוּמֶען נָאךְ אַן אוֹיפְזֶעעֶר אִים אָפְּהַאלְטְן אָבֶער*

*וָוען עֶר הֶערְט אַז זֵיי פָאהְרן קַיין אוּמַאן, הָאט עֶר אַרַיינְגֶערוּימְט אִין אוֹיעֶר פַאר נָתִי'ס טַאטֶע, הַא, דִי פָארְסְט קַיין אוּמַאן זַיי מִיר מַזְכִּיר בַּיים צַדִּיק אִיךְ הֵייס 'אַלֶעקְס בֶּן רֵעָה'.*

נָתִי מַאכְט זִיךְ בַּאקְוֶועם אוֹיפְן זִיץ מִיט זַיין פַארְבִּינְדֶענֶעם פִיס, גֶעלוֹיבְּט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אַז דִי גִיבְּס הָאט נִישְׁט גֶעפְּלַאצְט, אַלֶעס אִיז גֶעפָארְן וִוי גֶעשְׁמִירְט. דֶער פְלִיגֶער לַאנְדֶעט אִין מָאלְדָאוֶוע, נָתִי וֶוערְט גֶעפִירְט מִיט אַ קִינְדֶער וֶועגֶעלֶע, עֶס אִיז אִים לִיבֶּער אַזוֹי צוּ פָארְן וִוי צוּ גֵיין מִיט שְׁטֶעקֶענֶעס אוּן אַזוֹי דִי גַאנְצֶע צַייט אִין אוּמַאן הָאט דֶער טַאטֶע אִים גֶעפִירְט וִוי אַ קְלֵיין קִינְד אִין וֶועגֶעלֶע, אַ חִידוּשׁ, אַ קִינְד אִין אַ וֶועגֶעלֶע זָאגְט שׁוֹין אַ תִּיקּוּן הַכְּלָלִי.

דָארְט בַּיים צִיּוּן הָאט זַיין טַאטֶע גֶעלֶערְנְט מִיט אִים דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חִגֵּר, וִויאַזוֹי דֶער חִגֵּר הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין אוּן נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶסְן אוּן וַואלְד נָאכְן וֶוערְן בַּארוֹיבְּט, אוּן הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן מִיט דִי גְרָאזְן אוּן בְּלוּמֶען אוּן צוּם סוֹף הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז עֶר אִיז גֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן מִיט דִי פוּל, אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ גָאר גְרוֹיסֶע דַּרְגּוֹת, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט נָתִי'ס טַאטֶע אַרַיינְגֶעבַּאקְן אִינֶעם קִינְד דִי אֱמוּנָה אַז בַּיים רֶבִּי'נְס צִיּוּן קֶען מֶען בַּאקוּמֶען אַ רְפוּאָה אוֹיף דִי פִיס, עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען בַּאקַאנְטֶע פַּאסִירוּנְגֶען וָוען אִידְן וָואס הָאבְּן לַיידֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין אוֹיף דִי פִיס הָאבְּן בַּאקוּמֶען דִי רְפוּאָה בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אֵיין טָאג זֶענֶען נָתִי מִיט זַיין טַאטֶע גֶעפָארְן קַיין בְּרֶסְלֶב, דָארְט פַארְשְׁטֵייט זִיךְ קֶען מֶען נִישְׁט שְׁלֶעפְּן קַיין וֶועגֶעלֶע מִיט אַ זִיבְּן יֶערִיגֶער קִינְד, הָאט אִים זַיין טַאטֶע אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן אַרוֹיפְגֶעשְׁלֶעפְּט אַלֶע טְרֶעפּ בִּיזְן צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן.

וִוי נָאר זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם צִיּוּן הָאט נָתִי' זִיךְ אַרוֹיפְגֶעוָוארְפְן אוֹיפְן צִיּוּן פוּן רֶבִּי נָתָן - נָאךְ וֶועמֶען עֶר הֵייסְט - אוּן הֵייס מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען עֶר זָאל זַיין אַ עֶרְלִיכֶער אִינְגֶל, וֶוען זַיין טַאטֶע שְׁטֵייט אוּן דֶער זַייט אוּן פַארְגִיסְט טְרֶערְן אַז דִי תְּפִלּוֹת פוּן זַיין קִינְד זָאל נִתְקַבֵּל וֶוערְן.

אָנְקוּמֶענְדִיג אַהֵיים קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זֶענֶען זֵיי בַּיים עֶרְשְׁטְן גֶעלֶעגֶנְהֵייט צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען צוּם דָאקְטָאר, וֶוען עֶר הָאט מִיט וואוּנְדֶער בַּאשְׁטֶעטִיגְט אַז דֶער פוּס



אִיז גַאנְץ אָן קַיין שׁוּם שְׁפַּאלְט א.ד.ג עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי זֵיי אַ חִידוּשׁ וַוייל אֵיין טָאג בֶּעפָאר הָאט נָתִי נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרָאפְּטְרֶעטְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן דָא אִיז עֶר גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט אִין אֵיין טָאג נָאכְן וַוייזְן בַּיים גְרוֹיסְן צַדִּיק.

פַאר דִי נְסִיעָה אִיז נָתִי גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶער בַּיְשָׁן, וֶוען זַיין טַאטֶע הָאט אִים גֶעבֶּעטְן בַּארְגְן עֶפֶּעס פוּן אַ שָׁכֵן אִיז אִים גֶעוֶוען בִּיטֶער שְׁוֶוער עֶס אוֹיסְצוּפִירְן, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ גֵיין אִין שׁוּל מִיט זַיין טַאטֶע דַאוֶונֶען אוּן זָאגְן תְּהִלִּים, אָבֶּער וואוּנְדֶער אִיז גֶעשֶׁען, וִוי זֵיי זֶענֶען



צוּרִיקְגֶעקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז נָתִי פְרֵייוִוילִיג גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי שְׁכֵנִים בָּארְגְן לִיכְט אוּן נָאךְ זַאכְן אָן קַיין שׁוּם פְּחָדִים, אַזוֹי אוֹיךְ הָאט זִיךְ אִים גֶעעֶפֶנְט זַיין מוֹיל אִין שׁוּל, עֶר הָאט שׁוֹין אַ חֵשֶׁק צוּם דַאוֶונֶען אוּן אֲפִילוּ צוּ זָאגְן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי גֶעשְׁמַאק אֲפִילוּ צְוֵויי מָאל אִין אֵיין צַי.

דֶער כֹּחַ פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן זַיין צִיּוּן גֵייט אָן נָאךְ בִּיז הַיינְט, צִיּוּנוֹ הַקָּדוֹשׁ קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים בְּכָל עֵת וְרֶגַע מְחַדֵּשׁ חֲדָשִׁים.




*אין קורצן פון פריער:*

*יאר תקס"ד האט זיך ליידער אנגעהויבן מיט שווערע גזירות אויף די רוסישע אידנטום. רבי נתן פארלירט זיין מאמע ה"י. דער רבי שטעלט אויס אן אנגעפולטע סדר־הלימוד פאר רבי נתן. נאר די ערשטע האלבע יאר איז ער מצליח אנצוהאלטן די לימודים. רבי נתן איז זיך מצער אויף דעם. דער רבי בארואיגט אים אז דער עיקר איז אז ער שטרעבט אנצוקומען. ער קען נישט שטופן דעם וואגן, נאר ער זאל בעטן דעם אויבערשטן צו קענען זוכה זיין צו דערגרייכן זיינע קבלות.*

*איצינד ליינט ווייטער:*

## אביסל איז אויך גוט

יענעם ווינטער האט רבי נתן באקומען א מתנה פון רבי'ן וואס הייסט: "אביסל איז אויך גוט..." רבי נתן דערציילט אז ביז ער האט באקומען די הדרכה פון רבי'ן, האט זיך געקענט מאכן טעג וואס ער זאל אנקומען אין ביהמ"ד מיט גרויסע רצונות און ערווארטונגען צו לערנען און אריינכאפן א געוואלד, אבער פיל מאל האט זיך אים געמאכט שטערונגען און ער האט געזען אז יענעם טאג וועט ער שוין נישט קענען אניאגן דעם סדר־הלימוד, האט ער דאס אפגעשטופט אויפ'ן דעם אנדערן טאג. אפילו נאר א קליינע מניעה, האט אים געקענט אוועקנעמען זיין קאנצענטראציע פון דעם היינטיגן סדר־הלימוד. דאס האט אים גורם געווען אז דעם היינטיגן טאג איז געגאנגען לאיבוד.

"מארגן וועל איך שוין לערנען מיט התמדה," פלעגט ער זיך טרייסטן. אבער דער מארגן איז אנגעקומען, און אויך געברענגט מיט זיך מניעות און שטערונגען, נישט ווייניגער ווי נעכטן, האט ער ווידער געקענט אפשטופן די לימודים אויף דעם קומענדיגן טאג.

די מינוט וואס רבי נתן האט באקומען די הדרכה פון רבי'ן אז אביסל איז אויך גוט, האט ער געטוישט זיין גאנצן געדאנקנגאנג. רבי נתן זאגט אויף זיך אז פון דאן אן איז ער געווארן א ריכטיגער מתמיד. אויב האט זיך אים געמאכט סיי וועלכע שטערונגען, האט ער נישט אפגעשטופט די גאנצע סדר־הלימוד אויף מארגן, נאר ער האט אריינגעכאפט וויפיל ער קען אין דעם היינטיגן טאג. פון די אלע "קליינע" לימודים, איז ער אנגעקומען צו פיל לימוד התורה.

### לימוד קבלה

אין א זומער טאג אין יאר תקס"ד, האט פאר רבי נתן פלוצלונג אנגעכאפט א געוואלדיגע רצון

צו זיין ביים רבי'ן, וואס ער האט נישט געקענט מסביר זיין. ער האט געשפירט אז ער מוז שוין פארן צום רבי'ן. ער האט אפגערעדט מיט זיין חבר, רבי נפתלי, און צוזאמען האבן זיי געמאכט דעם וועג פון נעמירוב קיין ברסלב.

אנקומענדיג, האט דער רבי זיי אויפגענומען ווארעם און זיך אנגערופן צו רבי נתן, "איך האב דיר דא אהערגעברענגט (!) ווייל איך האב דיר געוואלט הייסן אנהייבן א נייעם סדר־הלימוד. איך וויל דו זאלסט אנהייבן צו לערנען קבלה."

"וואס איז אויב איך וועל נישט פארשטיין?" האט רבי נתן געפרעגט.

"דו לערן," האט דער רבי אים געענטפערט. "און וואו דו פארשטייסט נישט, מאך א צייכן. ביים צווייטן מאל איבער'חזר'ן וועסטו זען אז דו וועסט קענען אויסמעקן עטליכע צייכנס. אזוי וועט זיין מיט יעדעס מאל וואס דו וועסט אריבערגיין דעם חלק, ביז דו וועסט שוין קענען אויסמעקן אלע סימנים."

דאס איז געווען א כלליות'דיגע הדרכה וואס רבי נתן האט באקומען פון רבי'ן, אז ער זאל פארן ווייטער, אפילו ער פארשטייט נישט און מיט די צייט וועט ער וועט דאס ווידער לערנען, וועט אים שוין קלאר ווערן.

צומאל פאסירט אז מען הייבט אן צו לערנען, און מען בלייבט שטעקן ביי א 'קשי'. מען קען פארשווענדן אסאך צייט ווען מען מאטערט זיך איבער די קשיות. דער רבי האט געלערנט רבי נתן אז ער זאל לערנען אסאך און די ברייטע ידיעות וואס ער וועט קונה זיין, וועט אים שפעטער פארענטפערן זיינע קשיות.

חז"ל זאגן אויף דעם: "דברי תורה עניים במקום אחד ועשירים במקום אחר – די תורה קען אמאל זיין ארעם אויף איין ארט אבער ס'איז רייך אין אן אנדערן ארט." פיל מאל ווערט דערמאנט אן ענין אין קורצן און אויף א צווייטן ארט ווערט עס אויסגעשמועסט מער באריכות. אזוי קען אויסקומען אז ווען מען לערנען אין א נאכאנאדע גאנג, ווערן ענינים אויסגעקלארט. (שיחות הר"ן)

## דער רבי'נס פעדער

ביי א געלעגנהייט, נאך איידער רבי נתן איז נתקרב געווארן, האט דער רבי זיך אנגערופן צו זיינע ארומיגע אז ער גלוסט צו האבן א תלמיד וואס זאל זיין סיי א תלמיד חכם, ווי אויך באשאנקען מיט א גוטן פעדער. אזא איינער וועט קענען ערקלערן און אראפשרייבן די תורות פון אריז"ל - די תורת קבלה אזוי קלאר, אז אפילו יונגע יודעי־ספר, זאלן דאס קענען לערנען און פארשטיין. אצינד האט דער רבי געוואלט אנגרייטן רבי נתן פאר אט דעם הייליגן און סענסיטיווע פליכט.

רבי נתן האט געהאט אן אנגעפילטן סדר היום פון שיעורים וואס האט אים פארנומען רוב שעות פון טאג. אבער טראצדעם, האט דער רבי אנגעזאגט פאר רבי נתן אז ער מוז זען צו שמועסן מיט מענטשן יעדן טאג, כדי אביסל אפצוגוען זיין אנגעשטרענגטן מח. אפילו ווען רבי נתן האט זיך אפגערעדט אז ער האט נישט קיין צייט, ווייל ער קומט קוים אן מיט די סדרים, האט דער רבי אים צוגעשטופט אז ער מוז זיך טרעפן צייט צו שמועסן, ווייל דאס איז פונקט אזוי וויכטיג ווי זיין שלאף, עס וועט אים נאר העלפן צו קענען לערנען בעסער און גרונטליכער.




# פלאמען אויף קאלטן אייז

## קאפיטל 4

*אין קורצן פון פריער:*

*ר' מעכיל ווערט ליידער פאריתומ'ט פון זיין מאמע יונגערהייט. דער טאטע לייגט אריין אין די קינדער אוצרות פון תורה ויראת שמים. אלס קינד לערנט ער אים אויס הלכות שחיטה. נאך דער בר מצוה שיקט אים דער טאטע קיין קיעוו צו לערנען אין די באהאלטענע ישיבה אונטער די פחד פון די קאמוניסטן.*

*אצינד ליינט ווייטער:*

## מען האפט אויף בעסערע צייטן

די קאמוניסטן האבן געהויבן קעפ אלץ מער און העכער. ס'איז געווען אין די יארן איידער די צווייטע וועלט מלחמה האט אויסגעבראכן, ווען אין דער גאנצער וועלט האט מען נאך געלעבט בשלום ובשלוה האט מען שוין אין רוסלאנד געהערט פון הריגות און רדיפות. דאס לעבן איז געווארן אלץ ענגער און שווערער. איבערהויפט פאר די אידן וואס האבן גארנישט געוואלט נאר דינען דעם אויבערשטן און מחנך זיין ערליכע קינדער, וואס איז געווען א גרויסע עבירה אין מאמע רוסלאנד.

מעכיל האט געלערנט מיט מסירת-נפש און פון צייט צו צייט, פלעגט ער אהיימפארן צו באזוכן זיין טאטע, וועלכער האט געשעפט נחת פון זיין צדיק'ל. אין איינע פון די טעג, ווען מעכיל האט זיך געגרייט אהיימצופארן, האט ער ערהאלטן א בריוו פון זיין טאטע'ן. א בריוו פון טאטע'ן האט אים שטענדיג אנגעפילט מיט התרגשות, דאסמאל אבער, האט אים דער אינהאלט צעטרייסלט. עפענענדיג דעם קאנווערט, איז אים ארויסגעפאלן אן אויסגעשניטענעם א בלאט פון א צייטונג.



דעם טאטע'ן אינטערעסירט נישט קיין נייעס, דאס האט ער געוואוסט קלאר. דעם בלאט האט דער טאטע זיכער געשיקט פאר א סיבה. און ער האט שוין געוואוסט פון פאראויס אז א רוסישע צייטונג דערציילט נישט קיין גוטע בשורות.

מעכיל הויבט אן צו ליינען און ער פאלט שיער אין חלשות. ער האט זיך געמוזט צוהאלטן ווען ער האט געליינט איבער די שירות: "דער 'דארפמאן' איז א גנב...א גזלן...און א שקרן... ווי אזוי לאזט מען נאך

צו אז אזא רב זאל באטרעטן די ערד פונעם ריינעם רוסלאנד...?!"

מעכיל האט נישט געוואוסט צי ער זאל לאכן אדער וויינען. אויף זיין טאטע, דער סימבאל פון גערעכטיגקייט און ישרות, זאגט מען אזעלכע ליגנס. גלייכצייטיג איז אים געקומען צו וויינען אויף די צרה וואס שוועבט איבער זיין חשוב'ן טאטן. דער אויבערשטער זאל אים שומר ומציל זיין וואס די רשעים קענען חס ושלום טון.

מעכיל האט פארשטאנען אז יעצט איז נישט קיין צייט אהיימצופארן צו זיין טאטן אין שטוב. אויב עפעס פאסירט ח"ו, זאל ער נישט זיין דארט. די סכנה איז גרויס צו זיין אין דער ד' אמות פון אזא 'פארברעכער'.

## געפילן צום רבי'ן, הייבט אן צו שפראצן

מעכיל'ס הארץ פלאטערט פאר שרעק. זיין באליבטער טאטע געפינט זיך אין א ביטערע צרה. ער וויל אים ראטעווען, אבער זיינע הענט זענען געבונדען צו טון עפעס דערוועגן. 'וואס קען איך טון צו ראטעווען מיין פאטער,' טראכט ער צו זיך? ער שפירט ווי ער מוז. ער מוז עפעס טון. יעדע אבר אין גליד אין אים, טאנצט פאר שרעק.

מעכיל איז נישט געווען קיין ברסלב'ער חסיד אבער ער האט געהערט אז אין אומאן געפונט זיך א קבר פון א צדיק. ער פארשטייט אז בגשמיות קען ער גארנישט טון צו העלפן זיין טאטע, אבער ברוחניות קען ער מתפלל זיין און דורכדעם משפיע זיין א ישועה.

ר' מעכיל גייט צום באן-סטאנציע און רייכט זיינע טריט קיין אומאן. צום ערשטן מאל. א וועג וואס ער האט דערנאך געמאכט צענדליגע מאלן...

ר' מעכיל קומט אן קיין אומאן און פרעגט זיך נאך וואו מען קען צוקומען צום קבר פון הרה"ק רבי



נחמן מברסלב.

אך, וואס פארא דערהויבנקייט און זיסקייט מעכיל האט דאן געשפירט. דריי שעה איז מעכיל געשטאנען איבערגעבויגן איבער'ן ציון פון רבי'ן. זיין קוואל טרערן האבן זיך אים געעפנט און ער האט געוויינט און פארגאסן טייכן-טרערן אז דער אויבערשטער זאל ראטעווען זיין טאטע פון די הענט פון די רשעים.

נאך דריי שעה, איז מעכיל ארויסגעקומען אן אויסגעשווענקטער. ער האט גלייך דערשפירט א פארלייכטערונג ווי א גרויסע לאסט האט זיך אים אראפגעקייקלט פון הארץ.

'איך האב גע'פועל'ט,' האט אים זיין הארץ געזאגט.

דער נס איז טאקע געשען. רבי יהושע דוד האט מצליח געווען אויף עפעס אן אופן זיך ארויסצודרייען פון די 'גערעכטיגקייט' פון די רשעים און זיי האבן נישט געהאט קיין שליטה איבער אים.

מעכיל האט געשפירט ווי דאס הארץ ציט אים צו דעם ארט. זיין פלאקערדיגע נשמה האט גלייך געכאפט אז דא איז דאס פלאץ פון גן עדן אויף דער וועלט. און אויב וויל ער שפירן עפעס גוטס, זאל ער דא פארבלייבן.

מעכיל האט זיך באקאנט געמאכט מיט די אנדערע ברסלב'ער חסידים וועלכע האבן דאן געוואוינט אין אומאן. נאך א קורצע צייט איז ער שוין פארערכנט געווארן צווישן די עובדים. מעכיל פלעגט אויפשטיין חצות הלילה און אראפגעלייגט אן עבודה פון לערנען און דאווענען מיט השתפכות הנפש און געוואלדיגע התעוררות. זיינע תפילות זענען געווען באגלייט מיט טיפע קרעכצן און זיפצן וועלן עס גיסן זיך טרערן פון זיינע אויגן. אזוויי אונזערע לייט...

פארזעצונג קומט אי"ה

# זיי זיך מבניע!

רֶעדְן אוֹיף אַן אוֹפֶן וָואס פַּאסְט נִישְׁט פַאר אַ 'בֶּן תּוֹרָה', אוּן אִים שְׁטְרֶענְג פַארְבָּאטְן צוּ גֵיין צוּם שְׁפִּיטָאל אַלֵיין. "דוּ מוּזְסְט מִיטְקוּמֶען מִיט אוּנְז, אָדֶער גֵיי גְרָאד אַהֵיים!" דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער הָאבְּן צוּגֶעקוּקְט צוּ יַעְנְקִי אוּן זִיךְ צוּגֶעהֶערְט צוּ דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם מְלַמֵּד. יַעְנְקִי הָאט זִיךְ אָבֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט בְּרֶעכְן; זַיין גַּאֲוָה הָאט גֶעבְּרֶענְט אִין אִים, צוּ וַוייזְן פַאר יֶעדְן זַיין נַארִישֶׁע 'חָכְמָה'.

צְוֵויי שָׁעָה שְׁפֶּעטֶער הָאט יַעְנְקִי אַלֵיין אַרוּמְגֶעבְּלָאנְדְזְשֶׁעט צְוִוישְׁן דִי שְׁטָאקְן פוּנֶעם שְׁפִּיטָאל, עֶר הָאט גֶעזוּכְט אוּן גֶעזוּכְט דִי 'קִימְפֶּעטָארִין' אָפְּטֵיילוּנְג. עֶר אִיז אַרוֹיף אוּן אַרָאפּ אִין דִי עֶלֶעוָועיטֶער מִיט פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן, עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעגַאנְגֶען דִי טְרֶעפּ מִיט אַ קְלַאפֶּעדִיג הַארְץ, עֶר הָאט צוּגֶעזֶען דָאקְטוֹירִים מִיט שְׁרֶעקֶעדִיגֶע קְלֵיידֶער, אוּן בֶּעטְן מִיט מְסוּכְּנְ'דִיגֶע פַּאצְיֶענְטְן וָואס



מֶען הָאט גֶעפִירְט פוּן אֵיין פְּלַאץ צוּם צְוֵוייטְן.

יַעְנְקִי הָאט גוּט גֶעצִיטֶערְט. עֶר אִיז גֶעוֶוען טוֹיט דֶערְשְׁרָאקְן! עֶר הָאט שׁוֹין גֶעוָואלְט אַהֵיימְלוֹיפְן, אָבֶער עֶר הָאט בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן דֶער טִיר. אַ שָׁעָה אִיז אַרִיבֶּער אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פַארְגִיסְן טְרֶערְן פוּן גְרוֹיס שְׁרֶעק. עֶר הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט פוּן זִיךְ אַלֵיין, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיסֶער זִיךְ פוּן זַיין אֵייגֶענֶע נַארִישֶׁע עַקְשָׁנוּת. אִין זַיין הַארְץ הָאט עֶר זִיךְ פָארְגֶענוּמֶען: "קוּמֶענְדִיגֶע מָאל וֶועל אִיךְ שׁוֹין וִויסְן זִיךְ אוּנְטֶערְצוּבֵּייגְן פַארְן מְלַמֵּד מִיט הַכְנָעָה, פּוּנְקְט וִוי מַיינֶע חֲבֵרִים!"

דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַ מוּסַר הַשְׂכֵּל, אַז וֶוער עֶס גֵייט נִישְׁט אִין דֶעם וֶועג פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה אוּן פָאלְגְט נִישְׁט נָאךְ דֶעם דֶּרֶךְ הַתּוֹרָה מִיט עֲנִיווּת אוּן הַכְנָעָה, שִׁיקְט אִים דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַ גִּבּוֹר וָואס בַּאהַאנְדְלְט אִים מִיט פִיל מֶער שְׁטְרֶענְגְקַייט.




# סיפורי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת

אוּן דִי 'עֶרְלִיכֶע לַייט' פוּן דֶעם 'בַּעַל-תְּפִלָּה' (וָואס זַיי זֶענֶען פְרִיעֶר דָארְט גֶעוֶוען בַּיי דֶער 'מְדִינָה', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]) – זַיי הָאבְּן זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט צוּ זֵייעֶר 'אָרְט' – אוּן זַיי הָאבְּן דֶערְצֵיילְט [פַאר דֶעם 'בַּעַל-תְּפִלָּה']: "פוּן דִי ['גְרוֹיסֶע טָעוּת', אוּן 'נַארִישְׁקַייט' פוּן דֶער [דָאזִיגֶער] 'מְדִינָה' – וִוי זַיי זֶענֶען אַזוֹי 'פַארְנַארִישְׁט' גֶעוָוארְן אוּן 'פַארְפִירְט' [פַארְבְּלָאנְדְזֶעט] גֶעוָוארְן, אִין דֶער 'תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט'! – אוּן אַז זַיי ווִילְן שׁוֹין אַרוֹיס פוּן 'זֵייעֶר מְדִינָה', אִין אַ 'אַנְדֶערֶע מְדִינָה' (וָואס דָארְט מַאכְט מֶען 'גֶעלְט', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]) – אוּן זַיי ווִילְן זִיךְ שׁוֹין מַאכְן 'שְׁטֶערְן' אוּן 'מַזָּלוֹת' (כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])!"

הָאט זִיךְ דֶער 'בַּעַל-תְּפִלָּה' אָנְגֶערוּפְן: "עֶר הָאט מוֹרָא, אַז זַיי זָאלְן נִישְׁט נָאכְמֶער פַּארְפִירְט [פַארְבְּלָאנְדְזֶעט] וֶוערְן וַוייטֶער"! *

דֶערְנָאךְ הָאט מֶען דָאס גֶעהֶערְט: "אַז זַיי הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין גֶעמַאכְט 'גָאטְן' (כַּנַ"ל) הָאט זִיךְ דֶער 'בַּעַל-תְּפִלָּה' אָנְגֶערוּפְן:

"אָט דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט! דֶערְפַאר [פוּן דֶעם] הָאבּ אִיךְ [פוּן אָנְהֵייבּ] מוֹרָא גֶעהַאט [אוּן זִיךְ גֶעזָארְגְט]"! (דְהַיְינוּ: דָאס וָואס עֶר פְלֶעגְט אַלְץ צוּ זָאגְן: "[אַז] עֶר הָאט מוֹרָא זַיי זָאלְן נִישְׁט נָאךְ עֶרְגֶער פַארְפִירְט וֶוערְן"! – הָאט עֶר [טַאקֶע] דָאס גֶעמֵיינְט)!

הָאט דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָה', 'גְרוֹיס רַחֲמָנוּת' אוֹיף זַיי גֶעהַאט! – הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: "עֶר וֶועט אַלֵיין אַהִינְגֵיין [דָארְט]! טָאמֶער [אֶפְשַׁר] וֶועט עֶר זַיי [קֶענֶען] אַרוֹיסְפִירְן פוּן זֵייעֶרֶע 'נַארִישְׁקַייט'"!

אִיז דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָה' אַהִינְגֶעגַאנְגֶען! אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דִי 'שׁוֹמְרִים', וָואס זַיי זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אַרוּם אִיטְלֶעכְן 'בַּארְג' (כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])!

אוּן דִי 'שׁוֹמְרִים' – זֶענֶען מִן־הַסְתָּם גֶעוֶוען 'קְלֵיינֶע לַייט', וָואס זַיי הָאבְּן גֶעמֶעגְט שְׁטֵיין אִין דֶעם 'אֲוִיר' [לוּפְט] פוּן דֶער וֶועלְט!

וָוארְן 'דִי מֶענְטְשְׁן' וָואס זַיי הָאבְּן גֶעהַאט 'מַעֲלוֹת' מַחֲמַת זֵייעֶר 'גֶעלְט' – זַיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט זַיין אִינְאֵיינֶעם [זִיךְ אוֹיסְמִישְׁן מִיט [דִי מֶענְטְשְׁן פוּן] דֶער וֶועלְט! אוּן הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטֵיין אִין דֶעם 'אֲוִיר' פוּן דֶער וֶועלְט! – [כְּדֵי] סְ'זָאל זַיי נִישְׁט מְטַמֵא זַיין (כַּנַ"ל)! – אוּן זַיי הָאבְּן גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁמוּעֶסְן מִיט [מֶענְטְשְׁן פוּן] דֶער וֶועלְט! – [כְּדֵי] מֶען זָאל נִישְׁט מְטַמֵא זַיין זַיי מִיט דֶעם 'דוּךְ' [הֶבֶל] פוּן דֶעם 'מוֹיל'! – (כְּלוֹמַר: בַּיי דֶער 'נַארִישֶׁער מְדִינָה', אִיז דִי וֶועלְט גָאר 'טָמֵא' גֶעוֶוען אַקֶעגְן זַיי, כַּנַ"ל).

אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם], זֶענֶען בְּוַודַאי דִי 'שׁוֹמְרִים' וָואס זַיי זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אוּנְטֶער דֶער 'שְׁטָאט' – זֶענֶען זַיי בְּוַודַאי גֶעוֶוען 'קְלֵיינֶע לַייט'!

נָאר דִי 'שׁוֹמְרִים', הָאבְּן אוֹיךְ גֶעהַאט דִי 'פַּאטְרֶעטְן' [בִּילְדֶער] (פוּן דִי 'גָאטְן' זֵייעֶרֶע) – אוּן זַיי פְלֶעגְן, דִי 'פַּאטְרֶעטְן, צוּ 'הַאלְזְן' אוּן צוּ 'קוּשְׁן' אַלֶעמָאל! – וָוארְן בַּיי זַיי, אִיז אוֹיךְ דֶער עִיקָר 'אֱמוּנָה' גֶעוֶוען, דָאס 'גֶעלְט'!

אִיז דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָה' גֶעקוּמֶען צוּ אַ 'שׁוֹמֵר' – אוּן הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אִים צוּ שְׁמוּעֶסְן פוּן דֶעם 'תַּכְלִית: "בַּאֲשֶׁר אַז דֶער 'עִיקָר תַּכְלִית', אִיז נָאר גָאטְס דִינְסְט, 'תּוֹרָה' אוּן 'תְּפִילָה' אוּן 'מַעֲשִׂים־טוֹבִים'! – אוּן 'גֶעלְט', אִיז גָאר אַ 'נַארִישְׁקַייט', אוּן סֶע [סְ'אִיז] גָאר קַיין 'תַּכְלִית' נִישְׁט וְכוּ'"!

אוּן דֶער 'שׁוֹמֵר', הָאט אִים אָבֶּער גָארְנִישְׁט צוּגֶעהֶערְט! – וָוארְן סְ'אִיז שׁוֹין בַּיי זַיי אַזוֹי אַיינְגֶעזֶעצְט גֶעוֶוען פוּן אַ לַאנְגֶע צַייט [זַיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶוען אַיינְגֶעזִינְקֶען דֶערִין]: "אַז דֶער עִיקָר אִיז נָאר דָאס 'גֶעלְט', כַּנַ"ל.

אוּן אַזוֹי אִיז דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָה' גֶעגַאנְגֶען צוּ 'אַלֶע שׁוֹמְרִים' – אוּן הָאט מִיט זַיי אַזוֹי אַלְץ גֶעשְׁמוּעֶסְט [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]! – אוּן זַיי הָאבְּן אִים גָארְנִישְׁט צוּגֶעהֶערְט!

הָאט זִיךְ דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָה' מְיַישֵׁב גֶעוֶוען – אוּן אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין 'שְׁטָאט' אַרַיין, וָואס דִי 'שְׁטָאט' אִיז גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם 'בַּארְג' (כַּנַ"ל.

וִוי עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין 'שְׁטָאט' אַרַיין – אִיז [דָאס] בַּיי זַיי גֶעוֶוען אַ 'גְרוֹיס חִידוּשׁ'! – אוּן זַיי הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "וִויאַזוֹי בִּיזְטוּ אַהֶער אַרַיינְגֶעקוּמֶען"?! – וָוארְן קַיין 'שׁוּם מֶענְטְשׁ' הָאט זִיךְ [דָאךְ] צוּ זַיי נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּטְרֶעטְן [אַרַיינְגֵיין], כַּנַ"ל. הָאט עֶר זַיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "[וִויבַּאלְד אִיךְ בִּין שׁוֹין אַרַיינְגֶעקוּמֶען, זָאל זַיין וִויאַזוֹי סְ'זָאל נָאר זַיין] וָואס פְרֶעגְט אִיר [דֶערוֹיף]? אִיךְ בִּין זִיךְ שׁוֹין אָבֶּער פָארְט אַרַיין"!

הָאט דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָה' אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אֵיינֶעם צוּ שְׁמוּעֶסְן, פוּן דֶעם 'תַּכְלִית' פוּן דֶער וֶועלְט:

״אַז ׳גֶעלְט׳ אִיז גָאר קַיין ׳תַּכְלִית׳ נִישְׁט וְכוּ׳״ (אַזוֹי-ווי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז גֶעוֶוען)! אוּן דֶער ׳מֶענְטְשׁ׳ הָאט אִים גָארְנִישְׁט צוּגֶעהֶערְט! – אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] דֶער ׳אַנְדֶערֶער׳ [מֶענְטְשׁ]! – אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] ׳אַלֶע׳! (כְּלוֹמַר: קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט)! – וָוארְן זֵיי זֶענֶען שׁוֹין אַלֶע אַזוֹי פַארְפִּירְט [אַיינְגֶעזִינְקֶען] גֶעוֶוען אִין זֵייעֶרֶע ׳נַארִישְׁקַייט׳, אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעהֶערְט!

אוּן סְ׳אִיז בַּיי זֵיי גֶעוֶוען אַ וואוּנְדֶער בַּיי דִי ׳לַייט׳ [פוּן יֶענֶעם שְׁטָאט]: ״אַז סְ׳זָאל זִיךְ גֶעפִינֶען אַ ׳מֶענְטְשׁ׳, וָואס עֶר זָאל צוּ זֵיי קוּמֶען, אוּן זָאל זֵיי אַזוֹינְס זָאגְן, גָאר אַקֶעגְן זֵייעֶר ׳אֱמוּנָה׳״! הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעשְׁטוֹיסְן [דֶערְשְׁפִּירְט]: ״אַז דָאס מוּז זַיין דֶער ׳בַּעַל-תְּפִילָה׳״!

וָוארְן זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעהֶערְט: ״אַז סְ׳אִיז פַארְהַאנְדְן [פַארְהַאנֶען] אַזוֹי אַ [אַזַא] ׳בַּעַל-תְּפִילָה׳ אוֹיף דֶער וֶועלְט״! – וָוארְן דִי זַאךְ פוּן דֶעם ׳בַּעַל-תְּפִילָה׳, אִיז שׁוֹין מְפוּרְסָם גֶעוֶוען אוֹיף דֶער וֶועלְט (כַּנַ״ל [ווי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]), אוּן מֶען פְלֶעגְט אִים רוּפְן אוֹיף דֶער וֶועלְט: ״דֶער פְרוּמֶער ׳בַּעַל-תְּפִילָה׳״!

נָאר זֵיי הָאבְּן אִים [בִּיז הַיינְט] נִישְׁט גֶעקֶענְט [דֶערְקֶענֶען, אוּן] כַאפְּן! – וָוארְן עֶר הָאט זִיךְ בַּיי אִיטְלֶעכְן אַנְדֶערְשׁ פַארְשְׁטֶעלְט! – בַּיי ׳דֶעם׳ הָאט עֶר אַ פְּנִים גֶעהַאט ווי אַ ׳סוֹחֵר׳! אוּן בַּיי ׳דֶעם׳ ווי אַ ׳אָרִימַאן׳, וְכוּ׳ כַּנַ״ל. אוּן תֵּיכֶף אִיז עֶר נִמְלַט גֶעוָוארְן [אַנְטְלָאפְן] פוּן דָארְט (כְּלוֹמַר: עֶר אִיז גִיךְ [שְׁנֶעל] אַוֶועק פוּן זֵיי)! וַיְהִי הַיּוֹם! אוּן סְ׳אִיז גֶעוֶוען אַ ׳גִבּוֹר׳! וָואס מִיט אִים הָאבְּן זִיךְ צוּם-אוֹיף-גֶענוּמֶען [צוּנוֹיפְגֶענוּמֶען] כַּמָּה ׳גִבּוֹרִים׳! אוּן דֶער [דָאזִיגֶער] ׳גִבּוֹר׳, מִיט זַיינֶע ׳גִבּוֹרִים׳, אִיז גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט אָפְּגֶענוּמֶען ׳מְדִינוֹת׳!

אוּן דֶער ׳גִבּוֹר׳, הָאט מֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט, נָאר ׳הַכְנָעָה׳ (כְּלוֹמַר: מֶען זָאל זַיין אוּנְטֶערְטֶענִיג אוּנְטֶער אִים)! – אוּן אַז דִי ׳מְדִינָה׳ פְלֶעגְט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעבְּן אוּנְטֶער אִים, פְלֶעגְט עֶר זֵיי צוּ לָאזְן [אָפְּלָאזְן] – אוּן אַז נִישְׁט, פְלֶעגְט עֶר זֵיי ׳חָרוּב׳ צוּ מַאכְן!

אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאט אַלְץ כּוֹבֵשׁ גֶעוֶוען (דְהַיְינוּ: אָפְּגֶענוּמֶען [אַיינְגֶענוּמֶען]) ׳מְדִינוֹת׳! אוּן קַיין ׳גֶעלְט׳, הָאט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעוָואלְט! – נָאר ׳הַכְנָעָה׳, אַז מֶען זָאל זַיין אוּנְטֶער אִים!

אוּן דֶער שְׁטֵייגֶער פוּן דֶעם ׳גִבּוֹר׳ אִיז גֶעוֶוען: [אַז] עֶר פְלֶעגְט שִׁיקְן אִין דֶער ׳מְדִינָה׳ אַרַיין זַיינֶע ׳גִבּוֹרִים׳, אַז [וֶוען] עֶר אִיז נָאךְ [זֵייעֶר] ווייט גֶעוֶוען פוּן דֶער ׳מְדִינָה׳, ׳פוּפְצִיג מַייל׳: ״אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעבְּן אוּנְטֶער אִים״! אוּן עֶר הָאט אַלְץ אָפְּגֶענוּמֶען ׳מְדִינוֹת׳!

אוּן דִי ׳סוֹחֲרִים׳ פוּן דֶער ׳מְדִינָה׳ פוּן ׳עֲשִׁירוּת׳ הַנַּ״ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט], וָואס זֵיי פְלֶעגְן צוּ הַאנְדְלְן אִין ׳פְרֶעמְדֶע מְדִינוֹת׳, כַּנַ״ל [ווי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – זֶענֶען דִי ׳סוֹחֲרִים׳ אַהֵיימְגֶעקוּמֶען, אוּן הָאבְּן דֶערְצֵיילְט פוּן דֶעם ׳גִבּוֹר׳! אִיז אוֹיף זֵיי גֶעפַאלְן אַ ׳גְרוֹיסֶער פַּחַד׳!

[אוּן] כָאטְשֶׁע זֵיי וָואלְטְן צוּגֶעשְׁטַאנֶען [מַסְכִּים גֶעוֶוען] זִיךְ אוּנְטֶערְצוּגֶעבְּן אוּנְטֶער אִים – נָאר זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט: ״אַז עֶר אִיז מְמָאֵס [פַארְמִיאוּסְ׳ט] ׳גֶעלְט׳, אוּן עֶר ווִיל גָאר קַיין ׳גֶעלְט׳ נִישְׁט״! – אוּן דָאס אִיז בַּיי זֵיי גֶעוֶוען, אַקֶעגְן זֵייעֶר ׳אֱמוּנָה׳! – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיב דֶעם] הָאבְּן זֵיי זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אוּנְטֶערְגֶעבְּן אוּנְטֶער אִים! וָוארְן סֶע [סְ׳אִיז] בַּיי זֵיי גֶעוֶוען אַזוֹי-ווי ׳שְׁמַד׳, ווייל עֶר גְלֵייבְּט גָארְנִישְׁט אִין זֵייעֶר ׳אֱמוּנָה׳, דְהַיְינוּ: אִין ׳גֶעלְט׳!

אוּן זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר ׳מוֹרָא׳ גֶעהַאט פַאר אִים! אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ טָאן זֵייעֶרֶע ׳עֲבוֹדוֹת׳, אוּן מַקְרִיב צוּ זַיין ׳קָרְבָּנוֹת׳, צוּ זֵייעֶרֶע ׳גָאטְן׳ (דְהַיְינוּ: צוּ דִי וָואס הָאבְּן פִיל ׳גֶעלְט׳)! אוּן הָאבְּן גֶענוּמֶען אַ ׳חַיֶה׳לֶע׳ (דְהַיְינוּ: אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אַבִּיסְל ׳גֶעלְט׳, וָואס עֶר אִיז בַּיי זֵיי אַ ׳חַיָה׳ גֶעוֶוען), אוּן הָאבְּן אִים מַקְרִיב גֶעוֶוען פַאר אַ ׳קָרְבָּן׳ צוּ זֵייעֶרֶע ׳גָאטְן׳ (הַנַּ״ל)!

נאמען: ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די צוועלעפטע מעשה - דער בעל תפילה (4)

**א. וואס האט דער בעל תפלה געזאגט ווען מ'האט אים דערציילט אז זיי האבן גאטן?**
- ❑ דערפאר האב איך מורא געהאט
- ❑ ער האט גרויס רחמנות געהאט אויף זיי
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. וואס האבן די שומרים געענטפערט פאר דעם בעל תפלה ווען ער האט אנגעהויבן רעדן פון תכלית?**
- ❑ אונז האבן א אנדערע תכלית
- ❑ מיר האבן א אנדערע וועג
- ❑ זיי האבן גאר נישט צוגעהערט

**ג. וויאזוי פלעגט די וועלט רופן דעם בעל תפלה?**
- ❑ דער מלאך אלוקים
- ❑ דער פרומער בעל תפלה
- ❑ דער צדיק הדור

**ד. וואס האט דער גבור געוואלט?**
- ❑ כבוד,אז מ'זאל אים מכבד זיין
- ❑ געלד, אז מ'זאל אים געבן זייער געלד
- ❑ הכנעה, אז מ'זאל זיך אונטערטעניגן אונטער אים

**ה. פארוואס האבן די מענטשן פון מדינה של עשירות זיך נישט געקענט מכניע זיין צום גבור?**
- ❑ ווייל ער איז ממאס געלד און דאס איז קעגן זייער אמונה
- ❑ ווייל ער איז ממאס תאוות און דאס איז קעגן זייער אמונה
- ❑ ווייל ער איז ממאס כבוד און דאס איז קעגן זייער אמונה☐

ו. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



## טיפער געטראכט

- וויפיל מאל ווערט דערמאנט אין די מעשה וואס מיר האבן געלערנט די וואך דאסווארט "בעל תפילה"
- וויפיל מאל ווערט דערמאנט "בעל תפילה" באהאלטן (דאס מיינט אז עס שטייט וואס דער בעל תפילה האט געטון אן דאס ווארט 'בעל תפילה' – נאר מיר פארשטייען אז דאס מיינט דער בעל תפילה) ?

### תשובות אויף פאריגע וואך

וויפיל מאל ווערט דערמאנט ביי די מעשה וואס מיר האבן געלערנט די וואך דאס ווארט "געלט" ? 27 מאל

**דער געווינער אויף 'בעל תפלה ' 3 איז הילד היקר מרדכי אנשין כתה ד', בית שמש *** 5134**

**ב"ה אז דער טעלעפאן ליין ארבעט שוין און מען קען שוין מאכן די בחינות, רופט**
**646-585-3040    02-5-3333-72**

# דיי זיך מבניע!



מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִין דִי מַעֲשֶׂה אִיבֶּער אַ גְרוֹיסְן גִבּוֹר אוּן אַ מִלְחָמָה-הֶעלְד, וָואס אִינְאֵיינֶעם מִיט זַיינֶע שְׁטַארְקֶע לַייט הָאט עֶר אַיינְגֶענוּמֶען אֵיין לַאנְד נָאכְ'ן צְוֵוייטְן. זַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע פָאדֶערוּנְג אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין גֶעלְט אוּן אוֹיךְ נִישְׁט קֵיין מִלְחָמָה, נָאר בְּלוֹיז אֵיין זַאךְ: מֶען זָאל זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעבְּן צוּ אִים! וֶוען דִי אַיינְוואוֹינֶער פוּן אַ מְדִינָה הָאבְּן זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעגֶעבְּן צוּ אִים, הָאט עֶר זֵיי גֶעלָאזְט לֶעבְּן רוּאִיג אוּן בְּשָׁלוֹם. אָבֶּער אוֹיבּ זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַנְטְזָאגְט אוּן נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיךְ אוּנְטֶערְבֵּייגְן, פְלֶעגְט עֶר זֵיי חָרוּב מַאכְן אוּן אִינְגַאנְצְן פַארְטִילִיגְן!

אַז עֶס אִיז דָא הַכְנָעָה אוּן מְ'אִיז זִיךְ מְבַטֵל, דֶעמָאלְטְס אִיז דָא לֶעבְּן; אָבֶּער וֶוען סְ'אִיז נִישְׁטָא קֵיין בִּיטוּל, אִיז דָא חוּרְבָּן אוּן פַארְנִיכְטוּנְג.

דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דִי מְדִינָה-שֶׁל-עֲשִׁירוּת הָאבְּן גֶעהֶערְט דֶערְוֶועגְן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ גֶעהֶערְט אַז דֶער גִבּוֹר הָאט פַיינְט גֶעלְט אוּן עֶר וִויל גָארְנִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁייכוּת דֶערְצוּ. דָאס הָאט זֵיי זֵייעֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן דֶערְקוּטְשֶׁעט. וַוייל וִויאַזוֹי קֶענֶען זֵיי זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעבְּן צוּ אִים? סוֹף כָּל סוֹף, זִיךְ מְבַטֵל זַיין צוּ אִים אִיז דָאךְ מַמָשׁ דָאס פַארְקֶערְטֶע פוּן זֵייעֶר גַאנְצֶע אֱמוּנָה...

דֶער שְׁטַארְקֶער גִבּוֹר פְלֶעגְט שִׁיקְן שְׁלוּחִים צוּ פְרֶעגְן דִי מֶענְטְשְׁן אוֹיבּ זֵיי זֶענֶען גְרֵייט זִיךְ אוּנְטֶערְצוּגֶעבְּן אָדֶער נִישְׁט. זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מוֹרָא פַאר אִים, אוּן דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן מַקְרִיב זַיין קָרְבָּנוֹת פַאר דִי עֲשִׁירִים, וָואס בַּיי זֵיי זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען דִי אָפְּגֶעטֶער...

"הַיינְט נָאכְן לֶערְנֶען וַוארְט עֶנְק אָפּ אַן אִיבֶּערְרַאשׁוּנְג," הָאט ר' מָאטְל גֶעמָאלְדְן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים אִין כִּתָּה ז'. סוֹף פוּנֶעם טָאג, נָאכְדֶעם וָואס דִי קִינְדֶער הָאבְּן פְלַייסִיג גֶעלֶערְנְט, הָאבְּן צְוֵויי טֶענְדֶערְס גֶעוַוארְט אוּנְטְן בַּיים בִּנְיָן פוּנֶעם תַּלְמוּד תּוֹרָה. מְ'אִיז גֶעפָארְן מִיט דִי טֶענְדֶערְס צוּם שְׁפִּיטָאל, ווּאוּ דִי קִינְדֶער הָאבְּן גֶעזָאלְט לֵיינֶען 'קְרִיאַת שְׁמַע' נֶעבְּן דָאס בֶּעטֶעלֶע פוּן אַ נַיי-גֶעבּוֹירְן קִינְד. יֶעדֶער אִיז גֶעוֶוען בְּשִׂמְחָה אוּן שְׁטַארְק אִיבֶּערְרַאשְׁט.

אָבֶּער יַעְנְקִי, וָואס אִיז גֶעוֶוען אַן 'אוֹיבֶּער-חָכָם', הָאט גֶעוָואלְט וַוייזְן פַאר אַלֶע חֲבֵרִים אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער חֶבְרָה-מַאן, אַ הֶעלְד, אוּן עֶר קֶען אַלֵיין אַרַיינְגֵיין אִין שְׁפִּיטָאל, זִיךְ אַרוּמְדְרֵייעֶן צְוִוישְׁן דִי אָפְּטֵיילוּנְגֶען, אוּן אָנְקוּמֶען צוּם קִימְפֶּעטָארְן אָפְּטֵיילוּנְג אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע הֶענְט. עֶר הָאט מִיט גַאֲוָה אוּן אָן קֵיין שׁוּם דֶרֶךְ אֶרֶץ אוֹיסְגֶערוּפְן פַאר יֶעדְן: "מִיר דַארְפְן נִישְׁט דֶעם מְלַמֵד'ס טֶענְדֶערְס אוּן טוֹבוֹת! אִיךְ קֶען זִיךְ אַלֵיין אַן עֵצָה גֶעבְּן! אִיךְ וָוארְט נִישְׁט אוֹיף קֵיין אִיבֶּערְרַאשׁוּנְגֶען... אִיךְ גֵיי אַלֵיין צוּם שְׁפִּיטָאל, אִיךְ וֶועל אַלֵיין לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, אוּן אַלֵיין בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע זַאךְ..."

דֶער מְלַמֵד הָאט גֶעוָוארְפְן אַ שְׁטְרֶענְגְן בְּלִיק אוֹיף יַעְנְקִי, אִים אָנְגֶעזִידְלְט פַארְן


חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר יעקב ווייספיש הי"ו
לרגל הבר מצוה של בנו הב' אהרן זאב נ"י



חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר ברוך יצחק אנשין הי"ו
לרגל הולדת הבן למזל טוב


המשך אויף זייט 8